דער ברית חדשה למען היהודי המסורתי

Copyright 1999,2000 AFI Intl Publishers

די בשורת הגאולה לויט מתתיהו

## פרק א

דאס בוך פונם יחוס פון רבי המלך המשיח יהושע בן
דוד בן אברהם.
אברהם האט געבוירן יצחק, יצחק האט געבוירן יעקב, 2
און יעקב האט געבוירן יהודה און זיינע ברידער.
יהודה האט געבוירן פרץ און זרח פון תמר, 3
און פרץ האט געבוירן חצרון, און חצרון האט געבוירן רם.
רם האט געבוירן עמינדב, און עמינדב 4
האט געבוירן נחשון, און נחשון האט געבוירן שלמון.
שלמון האט געבוירן בועז פון רחב, און בועז האט 5
געבוירן עובד פון רות, און עובד האט געבוירן ישי.
ישי האט געבוירן דוד המלך 6
און דוד האט געבוירן שלמה פון אוריהס פרוי,
שלמה האט געבוירן רחבעם, 7
רחבעם האט געבוירן אביה, און אביה האט
געבוירן אסא,
אסא האט געבוירן יהושפט, 8

יהושפט האט געבוירן יורם, און יורם האט
געבוירן עוזיהו,
און עוזיהו האט געבוירן יותם, 9
יותם האט געבוירן אחז, און אחז האט
געבוירן חזקיהו.
חזקיהו האט געבוירן מנשה, 10
מנשה האט געבוירן אמון,
און אמון האט געבוירן יאשיהו.
יאשיהו האט געבוירן יכניהו און זיינע ברידער11
צו דער צייט פון גלות בבל.
און נאך גלות בבל האט יכניהו געבוירן שאלתיאל, 12
און שאלתיאל האט געבוירן זרובבל.
זרובבל האט געבוירן אביהוד, 13
און אביהוד האט געבוירן אליקים,
און אליקים
האט געבוירן עזור.
און עזור האט געבוירן צדוק 14
און צדוק האט געבוירן יכין
און יכין האט געבוירן אליהוד
און אליהוד האט געבוירן אלעזר 15
און אלעזר האט געבוירן מתן און מתן
האט געבוירן יעקב

און יעקב האט געבוירן יוסף 16

דעם מאן פון מרים, פון וועלכער איז געבוירן

געווארן יהושע וואס ווערט גערופן

רבי המלך המשיח (יוחנן 1:49)

די אלע דורות פון אברהם ביז דוד איז פערצן 17

און פון דוד ביז גלות בבל

פערצן דורות, און פון גלות בבל

ביז רבי המלך המשיח פערצן דורות.

די געבורט פון רבי המלך המשיח יהושע 18

האט אזוי פאסירט:

ווען מרים די מוטער פון משיח איז געווען פארקנאסט

צו יוסף [בן-דוד], און איידער זיי זיינן געקומען צוזאמען,

איז זי געפונען געווארן "הרה" (ישעיה 7:14)

פון דעם רוח הקודש.

יוסף [בן-דוד], איר שידוך איז געווען א צדיק 19

(אן ערליכער מאן)

און האט ער נישט געוואלט איר מאכן בושות (חרפה),

האט ער בדעה געהאט, געטראכט זי

אפצולאזן מיט גט שטילערהייט

און ווייל ער האט געטראכט דערפון 20

מלאך ה׳ איז געקומען צו אים אין א

חלום און האט אים געזאגט:

יוסף ,בן דוד ,האט נישט קיין מורא

צו נעמען מרים  אייער פרוי  וייל וואס

זי טראגט איז פון דעם רוח הקודש.

און זי וועט געבוירן א זון,21

און דו זאלסט רופן זיין נאמען יהושע/ישוע,

(זכריה 6:12,עזרא 3:8)

ווייל ער וועט

ראטעווען זיין פאלק פון זייערע חטאים

(זינד  ישעיה 8: 53).

און דאס אלץ איז געשען, 22

כדי עס זאל מקוים ווערן וואס

עס איז געזאגט געווארן פון ה׳

דורך דעם נביא

הנה העלמה הרה ויולדת בן וקראת שמו עמנו אל

--ישעיה 7:14, שיר השירים 8 : 6 )

און ווען יוסף [בן-דוד] 24

איז אויפגעשטאנען פון שלאף

ער האט געטאן אזוי ווי

דער מלאך ה׳ האט אים באפוילן

:און ער האט גענומען  צו זיך זיין ווייב

און האט זיך מיט איר נישט באהאפטן 25

ביז זי האט געבוירן א זון, און ער

האט גערופן

''שמו יהושע/ישוע''

(זכריה 6:12,עזרא 3:8).